

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת בהר

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו וייס

### דעם יאר פון שמיטה האט דער אויבערשטער איבערגעלאזט פאר זיך

אין די פרשה גיבט אונז די תורה די מצוה פון **שמיטה**. איז דער אור החיים הק' מדייק, אז קודם זאגט די תורה: "**וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'**" אז דער ערד דארף רוען פאר'ן אויבערשטן, און נאכדעם זאגט ער ווידער: "**שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ... וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה לָאָרֶץ**" אז זעקס יאר מעג מען טון פעלד ארבעט און די זיבעטע יאר דארף די ערד רוען. דארף מען לכאורה פארשטיין, פארוואס זאגט די תורה "**וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'**", ער זאגט דאך שוין סייווי גלייך די סדר פון די ערשטע זעקס יאר און די זיבעטע יאר?!

איז דער רבי מסביר, אז אינעם ערשטן פסוק וויל דער אויבערשטער זאגן א וויכטיגע זאך; היות אז ער זאגט דא: "**כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם**" אז ער גייט געבן פאר די אידן ארץ ישראל, האט ער תיכף געוואלט אויסשטרייכן אז ער געבט דאס נישט אינגאנצן אוועק, נאר ער לאזט עפעס איבער פאר זיך. וועגן דעם זאגט ער אין אנפאנג: "**וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'**" - אז אין געוויסע צייטן וויל איך אז **דאס לאנד זאל בלייבן מיינס!** און ענק זאלן דעמאלט נישט ארבעטן קיין ערד ארבעט. און נאכדעם זאגט ער, אז דאס וואס ער לאזט איבער פאר זיך איז: איין יאר אין יעדע זיבן יאר.

איז ווען נישט דער אויבערשטער איז מקדים "**וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'**", וואלט מען געקענט מיינען אז ער גיבט ארץ ישראל פאר אַן אייביגע מתנה **אָן עפעס איבערצולאזן פאר זיך**, און ער נעמט זיך אויס א תנאי אז דאס איז נאר אויב מ'גייט היטן שמיטה. אבער דער אמת איז נישט אזוי, נאר אז ער האט **לכתחילה איבערגעלאזט א געוויסע חלק פון די מתנה** אז דאס בלייבט זיינס.

זאגט דער רבי: "**הֵצַצְתִּי וְרָאִיתִי כִּי אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטוֹבָה**", איך האב איינגעזען אז דאס איז א געוואלדיגע טובה פאר כלל ישראל. ווייל אויב דער אויבערשטער וואלט געגעבן **די גאנצע לאנד** פאר א מתנה, און נאר **על דעת כן אז מ'גייט היטן שמיטה**, וואלט אויסגעקומען אז אויב די אידן ווערן נישט האלטן שמיטה גייט אויטאמאטיש בטל ווערן די גאנצע מתנה פון ארץ ישראל.

אבער יעצט האט דא דער אויבערשטער געגעבן א דאפלטע טובה; איינס אז ער האט געגעבן ארץ ישראל. און נאכדערצו, אז די מצוה פון שמיטה **איז נישט געבונדן מיט די מתנה**, נאר דאס האט ער לכתחילה אויסגענומען אז דאס בלייבט זיין חלק. ממילא אפילו די אידן גייען נישט היטן שמיטה גייט נישט בטל ווערן וועגן דעם די מתנה פון ארץ ישראל, נאר מ'גייט פשוט דארפן **אפצאלן די יארן פאר'ן אויבערשטן**. אזויווי די תורה זאגט אין פר' בחקותי, אז אין די יארן וואס די אידן גייען זיין אין גלות גייט זיך אפצאלן די שמיטה יארן וואס זיי האבן נישט געהיטן וואוינענדיג אין ארץ ישראל. און דער רבי פירט אויס: "**וּמֵעַתָּה אֵין בִּיטוּל לְמַתְּנַת הָאָרֶץ עַד עוֹלָם**"!

זאגט אבער דער רבי אין סוף פרשה, אז דאס איז אויך א געוואלדיגע אחריות. ווייל אויב פאר'ן נישט היטן שמיטה גייט די בית המקדש חרוב ווערן און מ'גייט גיין אין גלות אפצוצאלן די שמיטה יארן, **גייט מען צאלן דערויף גאר א טייערע פרייז!** ווייל דער אויבערשטער גייט נעמען אין חשבון און זיך אפרעכענען מיט די וואס האבן נישט געהיטן שמיטה **פאר די גאנצע שולד אז די בית המקדש איז חרוב געווארן!** מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק סוף פרשה: "**אֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמֹרוּ**" אז דאס גייט ארויף אויף **"שבת הארץ"** - דאס מיינט אז מ'זאל היטן **שמיטה**, ווייל "**וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ**" ענק דארפן מורא האבן אז פאר'ן נישט היטן שמיטה גייט די בית המקדש חרוב ווערן, וועט דאך אויב אזוי דער עונש זיין געוואלדיג גרויס, ממילא דארף מען אינאכט נעמען ווי וויכטיג ס'איז צו היטן שמיטה.

## פניני חיים

פנינים מובחרים משובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל

לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע.** (כה, יט)

די תורה דרוקט דא אויס **אז מ'וועט עסן צו דער זעט**, ווייל לפי הטבע קען א מענטש נישט זאַט ווערן בלויז פון עסן פרוכט, ווייל דאס האט נישט די נויטיגע מינעראלן וואס דער קערפער געברויכט.

דערפאר גיבט די תורה א הבטחה: "**וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ**" אז די ערד וועט ארויסגעבן איר פרוכט, און די פירות וועלן זיין אויף אזא מין אופן "**וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע**" אז מ'וועט אפילו קענען **זאַט ווערן** פון דעם.

**וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים.** (כה, כא)

חוץ די הבטחה אז די ערד גייט ארויסגעבן פירות וואס דאס שטייט שוין קודם: "**וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ**", קומט די תורה דא צולייגן א באזונדערע הבטחה: "**וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה**" אז די **תבואה אליין** גייט זיך פארמערן, אזוי אז די תבואה פון בלויז איין יאר גייט זיין גענוג פאר דריי יאר! אפילו ס'גייט נישט אויספעלן ווייל די ערד גייט סייווי ארויסגעבן תבואה יעדעס יאר, מיט דעם אלעם גייט זיך די תבואה אליין זייער פארמערן. אזויווי די גמרא דערציילט (תענית כד.) אויף אלעזר איש בירתא אז ער האט געקויפט ווייץ פאר איין זוז, און זיין גאנצע קאַמער האט זיך אנגעפולט מיט ווייץ ביז מ'האט אפילו נישט געקענט אויפמאכן די טיר.

**וְאִם לֹא מָצְאָה יָדוֹ דֵּי הָשִׁיב לוֹ וְהָיָה מִמְכָּרוֹ... עַד שְׁנַת הַיּוֹבֵל וְיָצָא בַּיֹּבֵל וְשָׁב לַאֲחֻזָּתוֹ.** (כה, כח)

בדרך רמז רעדט דא די תורה פון כלל ישראל וואס זענען ליידער **פארקויפט געווארן** אין גלות צווישן די פעלקער, אז דער אויבערשטער וועט זיי געבן א געלעגנהייט **זיך אויסצולייזן** נאך פאר די באשטימטע קץ הגאולה דורך תשובה און תיקון העוונות, אדער דורך יסורים.

פירט אבער אויס די תורה: "**וְאִם לֹא מָצְאָה יָדוֹ דֵּי הָשִׁיב לוֹ**" אויב דער אויבערשטער וועט זען אז די אידן האבן נישט די כוחות אויסצוהאלטן די ביטערע חבלי משיח און זייערע עבירות זענען ביז איבערן קאפ ח"ו, דאן וועט ער זיי האלטן אין גלות ביז "**שְׁנַת הַיֹּבֵל**" דאס מיינט ביז די צייט וואס ער האט באשטימט פאר די גאולה, "**וְיָצָא בַּיֹּבֵל וְשָׁב לַאֲחֻזָּתוֹ**" אבער צו דעם באשטימטן צייט וועט ער זיי אויסלייזן; "**כִּי קֵץ הַגְּאֻלָּה יֶשְׁנוֹ אֲפִילּוּ יִהְיוּ יִשְׂרָאֵל רְשָׁעִים גְּמוּרִים ח"ו**"...

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו:torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### האם בכל הונאת ממון עובר בלאו של הונאת דברים

**וְלֹא תוֹנוּ וְגוֹ'.** וּפֵרוּשֵׁנוּ זֶה כְּלָלוּהוּ חֲזַ"ל בְּמַאֲמָרָם שֶׁאָמְרוּ, אַל תּוֹנוּ בְּאוֹנָאַת דְּבָרִים, שֶׁבָּזֶה נִכְלָל כָּל מִין אוֹנָאָה, כִּי גַּם הַמְאַנֶּה חֲבֵרוֹ לְרַמּוֹתוֹ בְּדִבְרֵי שֶׁקֶר, הוּא מְאַנֵּהוּ, וַהֲרֵי הוּא בִּכְלַל אוֹנָאַת דְּבָרִים (כה יז).

רבינו מחדש, שכל המאנה את חבירו לרמותו בדברי שקר, הרי שהוא בכלל אונאת דברים, ועובר בלאו זה ג"כ. וה**מנחת חינוך** (מצוה של"ח אות א') כתב ע"ד רבינו: **'ודברי פי חכם חן ושפתים ישק'**.

אולם, ב**מנחת סולת** (ח"ב עמ' 94) העיר מדברי הגמ' (בבא מציעא שם): א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי, גדול הונאת דברים מאונאת ממון, שבהונאת דברים כתוב "ויראת מאלוקיך", ובהונאת ממון אין כתוב 'ויראת מאלוקיך'. ורבי אליעזר אומר, שהחילוק ביניהם הוא שבהונאת דברים מצערו בגופו, ובהונאת ממון מצערו רק בממון. ורבי שמואל בר נחמני אומר, שהונאת ממון ניתן להשיב לבעלים, ובהונאת דברים לא ניתן להשיב, ע"כ. הרי מבואר ששני ענינים הם, ובהונאת ממון אין עוברים על הונאת דברים, וקשה טובא על דברי רבינו, דבהונאת קרקעות עוברים על הונאת דברים.

וביותר קשה, דבגמ' מבואר שפסוק זה שנאמר בו "ויראת מאלוקיך", נאמר רק בהונאת דברים, ורבינו מפרש שזה נאמר גם על הונאת ממון.

עוד העיר, מדברי **הרמב"ם** שפסק (הל' מכירה פי"ד הל' טו-יז): המאנה את הגר בממון, עובר גם על לאו של הונאת דברים. וכמו"כ להיפך, מי שמאנה את הגר בדברים, עובר גם על לאו של הונאת ממון, ע"כ. הרי מוכח מדברי הרמב"ם, דרק באונאת גר, הדין כך, אבל בישראל לא, ושלא כדברי רבינו.

וראה ב**לחם משנה** שם, שבאמת הקשה על הרמב"ם, למה בישראל לא יעבור באונאת ממון גם על הונאת דברים. וב**אור שמח** (על הרמב"ם שם) ביאר טעם הדבר, שאם אינה את הגר בממון, דסובר שמצד שהוא שפל אצל ישראל שאינו מגזעם לכן מאנהו, ואין לך שפלות דעת מזה, והוי כמבזהו ומשפילהו, משא"כ בישראל לא שייך זה.

אמנם יש לציין, שכדברי רבינו כבר כתב **הסמ"ע** (סי' רכ"ז סקנ"א) בשם המהרש"ל, וז"ל: ודע דהמהרש"ל כתב דאף דאימעטו הני מדין הונאה, מ"מ לא גרעי מהונאת דברים וגניבת דעת, ובכלל "לא תונו איש את אחיו" הן, עכ"ל.

וב**פתחי תשובה** (שם סקכ"א) כתב, דמש"כ ובכלל לא תונו איש את "אחיו" הן, הוא ט"ס, וצ"ל ובכלל לא תונו איש את "עמיתו" (פסוק י"ז), דקרא זה הוא באונאת דברים.

ובספר **ברית יעקב** (סופר, סי' י"ט) הביא, שבספר הדרש והעיון (לעוין) הקשה על רבינו, דאם בכל אונאת ממון עובר גם על הלאו דאונאת דברים, למה אינו לוקה על לאו זה, שהרי כל הטעם שאינו לוקה על אונאת ממון הוא משום דהו"ל לאו הניתק לעשה, וכמש"כ הרמב"ם (הל' מכירה פי"ב ה"א), והרי אמרו בגמרא (תמורה ד, ב) דלא אתי חד עשה ועקר תרי לאוין, וא"כ לפי דברי רבינו יש בה תרי לאוין, של אונאת ממון ושל אונאת דברים.

וכתב שם, דיש ליישב לפי דברי **התוס'** בחולין (פא, א ד"ה הנח למחוסר זמן), דכלל זה הוא רק היכא דשני לאוין סמוכין זה לזה [ועיין צל"ח (בבא מציעא סא, א) על התוס' (שם ד"ה לעבור עליו) שזה רק היכא שהם סמוכין ממש ללא הפסק כלל]. אלא, שהביא שם מדברי הפמ"ג **בשושנת העמקים** (כלל ב') שהעלה בזה, שהרמב"ם חולק על התוס' הנ"ל. [ועיין עוד בחי' הגרעק"א (מכות טו, ב) דאיכא אמוראי דס"ל דאפי' בתרי לאוין המרוחקין נמי אמרינן דלא אתא חד עשה ועקר תרי לאוין]. והדרא קושיא לדוכתא.

וה**ברית יעקב** כתב, דלא קשה כלל, שהמדייק בלשון הרמב"ם (שם) יראה שנקט בלשונו שאינו לוקה **'מפני שניתן להשבון'**, ולא כתב **'מפני שניתק לעשה'**, והיינו משום דהכא לאו מתורת ניתק לעשה מיפטר מן המלקות, אלא מתורת השבה, שבזה שמחזיר האונאה נתקנו כל הלאוין ונפטר מכולן.

וכעין סברא זו כתב בספר **ימי שלמה** (על הרמב"ם הל' תמורה פ"א ה"א), והוסיף בזה ביאור, דבהשבת הגזילה והאונאה נתקן הלאו לגמרי, והו"ל כאילו לא עבד איסורא כלל, ולכן אלים כח העשה לנתוקי כל הלאוין, כיון דנתקן האיסור לגמרי. משא"כ בלאו הניתק לעשה, דאיסורא דעבד עבד, ואף על גב דהכתוב ניתקו לעשה, מ"מ אין העשה מתקן לגמרי למפרע מאי דעבר כבר על הלאו, ולא אלים כחו למיעקר כי אם לאו אחד דלהכי נתקו הכתוב, ולא שתים.

## אגדה וחסידות

### יסודי הגלות הם תיקון והכשר לגאולה

**וְאִישׁ כִּי לֹא יִהְיֶה לוֹ גֹּאֵל.** אָמְרוּ ז"ל (סנהדרין צח) כִּי הַיִּסּוּרִין וְהַגָּלוּת הֵם תִּקּוּן הָאֻמָּה לְהַכְשִׁירָהּ, וְהוּא מַה שֶּׁרָמַז "וְהִשִּׂיגָה יָדוֹ", עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרוֹ (דברים ב טו) "יַד ה' הָיְתָה בָּם", שֶׁהִיא מִדַּת הַגְּבוּרָה הַחוֹבֶטֶת בָּאֻמָּה בַּגָּלוּת הַמַּר, וּבְאֶמְצָעוּת זֶה יַשִּׂיג לִמְצֹא כְּדֵי גְאֻלַּת הַבַּיִת (כה כו).

רבינו מבאר, שיסורי הגלות הם לטובת בני ישראל, וזה תיקון האומה להכשירה לגאולה העתידה. וראה מש"כ הגה"צ **רבי יוסף זונדל מסלנט** זצ"ל במכתבו (נדפס בקובץ אוצרות ירושלים קובץ ז'), נגד הסוברים שחובה על כל ישראל לילך לארץ ישראל כדי לקרב הגאולה, שהאריך לבאר ממאמרי חז"ל שאין לנו להשתדל בדבר הגאולה כלל בפעולות טבעיות, רק בתשובה ובתפילה. ושכן מקובל בידו מפי קדושי עליון, והביא דברי רבינו אלה 'שהיסורין והגלות הם תיקון האומה להכשירה'. וכ"כ **האלשיך הקדוש**, שבכל פעם שיעלה על הלב אריכות הגלות, יש לזכור שכל זה בחסד ד' לתקון הפגמים. ולכן יש לקבל באהבה עול הגלות ולא לנסות לדחוק את השעה בכח ח"ו.

### האם הגאולה תהיה בלא תשובה

**וְאִם לֹא מָצְאָה יָדוֹ דֵּי הָשִׁיב.** פֵּרוּשׁ, אִם יִרְאֶה הָאָדוֹן כִּי אֵין כֹּחַ בָּעָם לִסְבֹּל חֲבָלִים עוֹד, וְרַבּוּ חוֹבוֹתֵיהֶם לְמַעְלָה רֹאשׁ וְאָפֵס בָּהֶם כֹּחַ הַסַּבָּל, וְהָיָה מִמְכָּרוֹ עַד שְׁנַת הַיֹּבֵל שֶׁהוּא זְמַן הַמֻּגְבָּל לַגְּאֻלָּה בְּעִתָּהּ, וְאָז וְיָצָא בַּיֹּבֵל וְשָׁב לַאֲחֻזָּתוֹ כִּי קֵץ הַגָּלוּת יֶשְׁנוֹ אֲפִלּוּ יִהְיוּ יִשְׂרָאֵל רְשָׁעִים גְּמוּרִים ח"ו (כה כח).

**הג"ר ישראל יעקב פישר** זצ"ל (בהסכמתו לס' פדות יעקב, פיש) העיר ע"ד רבינו, דהרי נחלקו בזה תנאים ואמוראים בסנהדרין (צז, ב), **והרמב"ם** (הל' תשובה פ"ז ה"ה) פסק, שרק אם עושים תשובה הם נגאלים, והאיך כתב רבינו כ"כ בפשיטות דאפילו לא יעשו תשובה יגאלו.

ותירץ, שגם לדעת רבי אליעזר שאין נגאלין אלא בתשובה, מ"מ הלא מצינו לרבי אליעזר עצמו בפרקי דר"א (פרק נ"ג) שאין ישראל עושין תשובה גדולה עד שיבוא אליהו, ומבואר, דאליהו יבוא לפני התשובה, וא"כ אתי שפיר דברי רבינו אפילו לדעת ר"א, כי התחלת הגאלה ע"י אליהו יהיה בכל אופן גם קודם התשובה, ואליהו יחזירם בתשובה.

והגאון בעל **המשנה שכיר** הי"ד בספרו **אם הבנים שמחה** (עמ' ס"ב) כתב, שדעת רבינו דאין פלוגתא כלל בין רב ושמואל (סנהדרין שם), דבלא גלות גם שמואל מודה דצריך תשובה, ואם יש צער גלות גם רב, מודה שכבר נסלח לישראל עוונם עם צער הגלות ונגאלין אף בלי תשובה.

וכן מבואר **בדברי רבינו בפרשת ויחי** (מט, יא) וזל"ק: ואומרו "ובדם ענבים" וגו' נתכוין לומר, כי אם יגיע זמן הגאולה ולא ימצא יין, פירוש, שאין בנו תורה, תהיה הגאולה באמצעות עול ותוקף הגלות, אשר יצירון האומות לישראל, כאומרם ז"ל (סנהדרין צז, ב), כי כשיגיע קץ הנחתם ולא יהיה בישראל זכות לגואלם, יעמיד להם מלך קשה כהמן וכו'. והוא אומרו "ובדם ענבים", כי באמצעות היסורין יזדככו הנפשות ויתבררו ניצוצי הקדושה, כדרך שיתבררו באמצעות בחינת התורה, אלא שזו מלאכתו נאה, וזו מלאכתו בלתי נאה. וכ"כ **רבינו בפרשת משפטים** (כא, יא): "ויצאה חנם". פירוש, הגם שלא יהיה בידם לא תורה ולא מצות, ואפילו לא יכספו לדבר הגאולה, והוא אומרו "אין כסף", כי יסוריה יספיקו לפדיונה.

ויסוד הדברים שהיסורים הם במקום התשובה, כתב גם ב**יד רמ"ה** (סנהדרין שם): די לאבל שעומד באבלו. כלומר, די לישראל בצעקן ואבלן שמתאבלין על גלותן, ואפי' בלא תשובה דין הוא שיגאלו, שגלותם מכפרת עליהן, ע"כ.

והביא המשנה שכיר, מדרש פליאה על הפסוק (במדבר כד, כג) "אוי מי יחיה משמו אל" קרי ביה 'משמואל', הדא הוא דכתיב 'וסלחת לעוני כי רב הוא', ע"כ, והיא פלא. ומבאר ע"פ האמור, דזה שאמר המדרש 'אוי מי יחיה משומו אל - משמואל', היינו אם תהיה הגאולה באופן שאמר שמואל, ע"י צער גלות בלי תשובה, שאז יהיו צרות רבות ח"ו, ועל זה אמרו מגדולי חכמינו ז"ל בש"ס (סנהדרין צח, ב) 'ייתי ולא איחמיניה', וזה גם מה שמסיים המדרש 'הדא הוא דכתיב וסלחת לעוני כי **רב** הוא', היינו, דבאופן זה גם רב מודה דכבר נסלח עון ישראל, וגם אליבא דרב יזכו לגאולה.


מתיקות ועריבות טוב התורה




מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.

להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# עם חכמי איטליה

## מסעותיו בקהילות איטליה והולנד

כשנתיים ורבע קבע רבנו את מושבו בליוורנו, ואף אותה תקופה לא היתה רצופה. בתחילה, התגורר בליוורנו כשנה וקמעא, ולאחר מסע ארוך שב לליוורנו ושהה בה חודשים אחדים עד לנסיעתו לארץ ישראל. כי בלהט חשקו לייסד את 'מדרש כנסת ישראל' ולהרבות גבולו בתלמידים, יצא רבנו למסע ארוך בכמה קהילות חשובות ונודעות. לא כל תחנותיו ידועות לנו, אך מפירורי ידיעות ומסמכים נוכל לשרטט את התמונה דלהלן:

לאחר שהגיע רבנו לליוורנו בחג השבועות תצ"ט, אנו מוצאים ששהה בעיר במשך כל שנת ת"ק, עד למחצית חודש מנחם אב, אז נפרד מיהודי הקהילה ויצא למסעו. בספר דרשותיו 'מאור החיים' מובאות דרשות שנישאו בתאריכים פרשת משפטים ת"ק ופרשת פנחס ת"ק, ואילו בי"ז לחודש מנחם אב נשא דרשת פרידה בפני שומעי לקחו. אמנם באותה דרשה לא צוינה השנה בה נאמרה, והיא מובאת בסוף הספר 'מאור החיים', ולכן היה מקום לטעות בהשערה כי זו היא דרשת הפרידה שנשא לפני נסיעתו לארץ ישראל בחודש אב תק"א. אלא שנסיעתו מליוורנו לארץ ישראל היתה בראש חודש מנחם אב, ומן הכורח לקבוע כי דרשה זו נישאה קודם צאתו למסע בקהילות.

זאת ועוד, י"ז במנחם אב חל בשנת תק"א בשבת קודש, ואילו רושם הדרשה - רבי משה פראנקו ז"ל - סיים בזו הלשון:

"וסיים הדרוש הזה בליל ד' יום י"ז לחודש מנחם, וביקש מאת ה' שימחול את כל מי שלא חלק לו כבוד וגם כן בתורתו, ומחל לפני קהל את כבודו, ה' ישמרהו וילווהו ויצוה את מלאכיו לשמור אותו בכל דרכיו אמן כן יהי רצון". מוכח איפוא, כי בחודש מנחם אב ת"ק יצא מליוורנו, אך משמע כי בדעתו היה לנסוע מיד לארץ ישראל, ולא שיער כי מסבב הסיבות יכונן צעדיו לשוב לליוורנו עוד.

[יתכן וחלק מתלמידי רבנו נלוו אליו במסעו - וסברה בדבר, אם אכן לא התכונן לשוב לליוורנו, אלא להמשיך ולעלות לציון ברינה - אך אין כל תימוכין וסימוכין לדעת מי מהם. רק נודע בבירור, שבכל מסעותיו נלווה אליו תלמידו הנאמן והקרוב, הגאון רבי דוד חסאן זצ"ל, שיצא עמו ממרוקו ולא זזה ידו מתוך ידו עד עליית רבנו לארץ ישראל. פרט זה מוזכר בהסכמת חכמי מודונא לספר 'אור החיים' הקדוש, שכתבו: "עד אשר בא ונראה בכבודו ובעצמו אל תוך מחננו קדש, ותראנה עינינו האיש אלוקים קדוש, הוא קדוש **וה"ן משרתו קדוש**, ונקדש בשתיקה יפה לחכמים"].

בחודש אלול ת"ק, יש לשער מתוך המסמכים שרבנו שהה בדרכים, ובכ' באלול שהה בעיר רויגו הסמוכה למודונא. לאחר שבוע, בכ"ז באלול ת"ק, הגיע למנטובה, כשהוא מצויד באגרת מליצה של הנגיד רבי שלמה חיים סנגוויניטי זצ"ל, מאנשי שלומו ואמונו המובהקים. במנטובה, הבטיחו פרנסי הקהילה לרבנו, כי לאחר שיסע וישוב מהולנד, תקבע הקהילה את גובה התרומה שתינתן לו - ומכאן מקור לכך שפניו היו מועדות להולנד.

בתחילת חודש מר-חשון תק"א היה רבנו בבולוניה שבצפון איטליה. כמה אגרות ששלח לו רבי שלמה חיים סנגויניטי במהלך החודשיים הבאים (ו' במר-חשון, כ"א במר-חשון, י"ג בכסלו) נשלחו לוונציה, אך יתכן שלא ישב שם כל אותן שבועות, אלא יצא ונסע לקהילות סמוכות. בכ' במר-חשון תק"א ניתנה הסכמתם של מנהיגי וונציה לבית הדפוס, להדפיס את הספר 'אור החיים' הקדוש, ומסתבר שאז מסר רבנו את ספרו לידי המדפיס. בכ"ה בטבת תק"א אנו מוצאים ששב כבר לליוורנו, ובחודשים הבאים התקיים רצף תדיר וסמוך של אגרות ששיגרו אנשי שלומו אליו לליוורנו. בחודש אדר תק"א כתב רבנו את אגרתו הנודעת מליוורנו לקהילת קסאלי, בה תיאר את מפעלו בהקמת 'מדרש כנסת ישראל'. מכאן ואילך, היתה הדעת נתונה לעלייה לארץ ישראל, כשרבנו עוסק בהכנות מעשיות לקראת המסע, בד בבד עם המשך פעילותו לייסוד החברה קדישא 'מדרש כנסת ישראל'.

## עם הגאון בעל 'יד מלאכי' זצ"ל

בכל מקום אשר דרכו בו כפות רגליו של רבנו, נרקמו קשרי ידידות בינו לחכמי העדה, שהתפעמו לנוכח גדולתו העצומה בתורה ובקדושה, וכל אשר שמעו קודם לכן - כאין וכאפס היה לעומת מה שמצאו בהתוודעו אליהם. חכמי ליוורנו - שקהילתה היתה אבן פינה ויתד לכל קהילות איטליה - הפליגו מאד בגדולת רבנו, רוממוהו ונשאוהו עליהם ולא פסק פיהם מלמלל שבחו.

בראש חכמי המקום ניצב הגאון רבי מלאכי הכהן זצ"ל - שנחשב בדורו לאחד מגדולי החכמים והמקובלים ושימש כרבה של הקהילה המפוארת ולימים נודע על שם חיבורו 'יד מלאכי' - ובמבטו הזך והצלול עמד על מהרה על סגולותיו בקודש של רבנו. [מורו ורבו המובהק היה הגאון המקובל רבי יוסף אירגאס זצ"ל - הנודע על שם ספריו בחכמת הקבלה 'שומר אמונים', 'מבוא פתחים' ו'שו"ת דברי יוסף'. רבי יוסף אירגאס נפטר בקיצור ימים ושנים בשנת ת"צ, ורבי מלאכי נטל על עצמו לגדל את יתומיו ולטפל בכתביו. כאשר הוציא את ספרו של רבו 'שו"ת דברי יוסף', בשנת תק"ג, הקדים הקדמה ארוכה בשבח רבו, ואילו בן המחבר כתב אודות הפלגת השבח שהיה רבי יוסף אירגאס מתייחס בה לרבי מלאכי הכהן. מחמת וליוורנו נחשבה 'בירת הדפוס' ורבים ועצומים מגדולי חכמי ארצות המערב הביאו את כתביהם להדפיסם, מתנוססת הסכמתו של רבי מלאכי על ספריהם, כמו גם הגהות ומפתחות שהוסיף לחלק מן הספרים. הרב חיד"א זצוק"ל, בהזכירו את רבי מלאכי הכהן בספריו, כותב אודותיו בסילודין: "וחמותי ראיתי אור על יד היאור, ספר הבהיר 'יד מלאכי' לרבי"ן חסידא עיר וקדיש הרב הרמ"ך נר"ו". ואילו רבי מלאכי, במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו המופלגת, שהיה מכנה עצמו בראשי תיבות מ"ך. ספרו הגדול 'יד מלאכי' - על כללי הגמרא, כללי הפוסקים וכללי הדינים - יצא לראשונה בחייו ובמהדורות נוספות. באחת המהדורות (ברלין תרי"ז) הוסיף הגאון רבי ישעי' פיק זצ"ל הגהות וציין: "לו ניתן תורה למלאכ"י השרת... ועל בקיאותו הנפלאה כל אדם משתאה"].

ב'שו"ת בית יהודה' להגאון רבי יהודה עייאש זצ"ל (חלק שני, הנדפס בתוך הספר 'בני יהודה', ליוורנו תקי"ח - סימן מז) מובאת תשובתו של רבי מלאכי הכהן - בנידון סבוך אם יכולים להשקות כוס של עיקרין לבהמה, במקרה שבכך יצילוה מסכנת מיתה - ובה ביקש מרבנו שיצרף את חתימתו על פסק הדין.

[השאלה נשלחה לליוורנו מאלכסנדריה, על ידי רב הקהילה הגאון רבי אליהו הלוי זצ"ל, שהרחיב בצדדי הספק אך לבו לא מלאו להכרע הלכה למעשה. רבי מלאכי הכהן האריך בצדדי ההלכה, ולמרות שמכוח עצם הדין היה נוטה להחמיר - התאזר בגבורה ד'כוח דהיתרא' והקל להתיר על ידי אמירה לעכו"ם, כדי שלא יבוא יהודי הבהול על ממונו ויעבור בעצמו על איסור תורה. התשובה מובאת ב'שו"ת בית יהודה', מפני שרבי מלאכי הכהן ביקש גם ממנו - בתקופה שעשה בליוורנו, תשע עשרה שנה לאחר מכן - שיעבור על דבריו. יצוין, שרבי יהודה עייאש השיג הערות רבות על הכרעתו לקולא של רבי מלאכי הכהן וחלק על מסקנתו להלכה, וב'פתחי תשובה' (אבן העזר סימן ה, ס"ק י) הביא מחלוקת זו ללא הכרעה. התשובה במלואה הובאה בספר 'כתבי האור החיים הקדוש ותלמידיו' (פסקי דין סימן ה) בהוצאת 'מורשת אור החיים הקדוש' ט"ו תמוז תשפ"ג בני ברק].

הוסיף רבנו שורות אחדות בשולי התשובה הארוכה, וזו לשונו:

הנה מלאכ"י אלדים עולים מן הארש, ארשת שפתיו ברור מללו, כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' הוא, שמו נאה לו והוא נאה לשמו, יש לו שם בשדה בשמו ובמעשיו ובמקומו. בשמו - כי מלאך הוא; ובמעשיו - שהוא עושה זתים הרבה ותורה יבקשו מפיהו; במקומו - עומד בצד הגד"ר כהן לא-ל עליון. ולקיים מצוה לשמוע דברי חכמים ולראות בבנו"ת האלוקים, ראיתי את כל הנשתוון מעשה אלוקים המה, אשר שטט החכם השלם בדעותיו מלאך האלוקים, בשבילי נהרדע"ה, לדעת מה יעשה ישראל, וחכם ליה דינא ושוו כלי קרביו בדעת נכונה, וקלע באבני קלעו אל נשר בשמים ואל בין כוכבים שם קינו, עף חד קדוש ומטו שלהוביו לצית שמיא, ואסיק שמעתתא אליבא דהלכתא. והגם דשבילי דקמאי לא חשיך וחמינא לתריס דקאי קמי מקצת מהנהו גירי דקלע רב כהנא חסידא [כלומר: שיש מקום להציב תריס ומגן לכמה השגות וראיות שהוכיח רבי מלאכי הכהן], על כל פנים לענין דינא דן כהלכה לשרויי, לא מיבעיא על ידי עכו"ם, אלא אפילו ישראל. ומאן דעביד כוותיה, ליקום וליעביד ולאסמוכי בר סמכא אתינא, דיורה יורה וידין ידין, וכבר אמרה נביא 'ותורה יבקשו מפיהו', כי הוא זה דלדידי חזי לי.

חתמתי פה ליאורני, מאן דמסיק שמעתתא אליבא דהלכת"ה אל עיר עז לנו, וקיים במרוצ"ה פדית"ה לפ"ק. ע"ה חיים בן עטר ס"ט.

# איש אלוקים קדוש הוא

ווער קען זיך דען טרויען צו גיין שרייבן איבער די אומבאגרייפליכע גדלות פונעם אור החיים הקדוש? וואו געפונט זיך בכלל דער "בר דעת" וואס זאל זאגן אז ער הייבט אן צו פארשטיין א טיפה מן הים פון די אומגעהויערע השגות פון דעם מלאך אלקים קדוש עליון?!

איז דען דא בכלל איינער אויף די וועלט וואס האט א יכולת משיג צו זיין אזעלכע הויכע השגות?! דאס הארץ טרייסלט פאר פחד צו נעמען דעם פעדער אין האנט און גיין פרובירן פארצושטעלן מיט פשוט'ע טינט אזא מין הייליגקייט וואס איז ניטאמאל פאר אונזערע מוחות צו באגרייפן!

די קדושה פונעם אור החיים הק' איז דאך למעלה מהשגת אנוש. וויפיל מיר וועלן פרובירן צו פארשטיין אפילו אפס קצהו פון זיינע העכערע השגות הייבט דאס נישט אן צוצוקומען צו אפילו א שמץ כלשהו פון וואס ער איז במציאות געווען. אויב מיר וועלן זאגן אז דאס איז אזוי ווי א פשוט'ער איינפאכער דארפסמאן זאל אריינקומען צום קעניג אין פאלאץ און מיט זיינע מגושמ'דיגע הענט זיך אנהייבן צו שפילן מיט די זעלטן טייערע דיימאנטן וואס באצירן דעם כתר מלוכה, איז דאס היבש אונטערגעשאצט קעגן דעם נמשל וואס האט ניטאמאל די ווערטער מסביר צו זיין די ווייטקייט - - -

א שוידער נעמט ארום אין אלע ביינער בלויז צו טראכטן ווי ווייט מיר זענען פון דעם אש אוכלה אש - די הימל פייער וואס האט געפלאקערט פונעם ערד ביז די העכסטע הימלען! קענען מיר זיך דען ערלויבן אריינצוגיין בהיכל קדשו אפצושילדערן וואס ס'האט זיך אפגעטון אין זיינע ד' אמות?!

אפילו וואס די גדולי חכמי דורו - וואס האבן שוין יא געהאט א שטיקל השגה אין גודל קדושתו ופרישותו - האבן געשריבן אין געציילטע שטריכן אויף זיין הייליגן דמות, איז אויך נישט מער ווי בלאסע שטראלן צו באמערקן בלויז קצות דרכיו בקודש פון וואס די אויגן איז ביכולת משיג צו זיין, אבער זיין אמת'ע לויטערע שטראל איז נישט מעגליך ארויסצוברענגען מיט'ן מויל.

דער הייליגער **קאזניצער מגיד** זי"ע, ווען מ'האט אים געבעטן צו שרייבן אן הסכמה צום נייעם מהדורא פון ספר "חפץ ה'", שטעלט ער פאר דעם אור החיים הקדוש בלשון קדשו: "**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ אִישׁ אֱלֹקִי מו' חַיִּים בֶּן עָטָר נבג"מ... מִי כָּמֹהוּ מוֹרֶה עוֹטֶה אוֹרָה אִישׁ אֱלֹקִים קָדוֹשׁ מְאֹד נוֹרָא**"... ס'כאפט א פחד צו זען מיט וואספארא חרדת קודש דער הייליגער קאזניצער מגיד האט זיך ארומגענומען ארויסברענגענדיג גודל קדושת רבינו האור החיים הק'!

אויך דער **"ישועות יעקב"** - הגאון ר' **יעקב משולם ארינשטיין** זצ"ל לעמבערגער רב - פאנגט אן זיין הסכמה צום ספר "פרי תואר" מיט א חרדת קודש בזה הלשון: "**מִי עִוֵּר אֲשֶׁר לֹא רָאָה מְאוֹרוֹת הֶחָסִיד הַנַּ"ל, אוֹ מִי חֵרֵשׁ אֲשֶׁר לֹא שָׁמַע מֵהֲדְרַת תִּפְאַרְתּוֹ. הֵן בְּעוֹדֶנּוּ חַי עִמָּנוּ עִקְבוֹתָיו נוֹדָעוּ דַּרְכּוֹ בַּקֹּדֶשׁ, שְׁמוֹ יָצָא בְּכָל הָעוֹלָם מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ, אַף כִּי כָּעֵת גְּדוֹלִים צַדִּיקִים בְּמִיתָתָן**"... אויב נאך בחיים חיותו האט דער נאמען פונעם אור החיים הקדוש אפגעקלינגען איבער די גאנצע וועלט, איז דאך לאחר פטירתו, ווען די צדיקים זענען נאך גרעסער ווי ביים לעבן, קען מען אודאי נישט פארשטעלן זיין גרויסקייט.

הגאון ר' **יצחק שמעון הארוויץ-מייזליש** זצ"ל - טשערנאוויצער רב - אין זיין הסכמה צום ספר אור החיים הקדוש מהדורת טשערנאוויץ [שנת תר"י] באטאנט, אז די גרעסטע לויב פאר'ן אור החיים הק' איז: "צו שווייגן"! ווייל וויפיל מ'וועט נאר זאגן איז נישט גענוג ארויסצוברענגען זיין אמת'ע גדלות. וזה לשונו:

"**כְּבוֹד הָרַב הַגָּאוֹן הָאֲמִתִּי, עִיר וְקַדִּישׁ, נֵזֶר יִשְׂרָאֵל, הַנֶּשֶׁר הַגָּדוֹל רַבֵּינוּ חַיִּים בֶּן עָטָר זללה"ה, בְּמַעֲשֵׂה יָדָיו הַקְּדוֹשִׁים הֵאִירָה תֵּבֵל, וְלוֹ דוּמִיָּה תְהִלָּה**"!

צדיקי הדורות האבן מפליג געווען בשבחו פונעם אור החיים הקדוש, אז זיין עבודה איז געווען מופלא'דיג וויאזוי ער האט אויפגעפלאמט זיינע הייליגע רגשי הלב דורך די געהויבענע השגות וואס זיין מח האט זוכה געווען צו באגרייפן!

דאס איז א זאך וואס "לאו כל מוחא סביל דא" נישט יעדעם איינעמ'ס מח קען פארטראגן אזא מין עבודה, ווייל דער טבע פונעם מח איז אפצוקילן די רגשי הלב. אבער די הייליגע צדיקים קענען באווייזן אזא אויסטערלישע עבודה צו פארשטערקערן די רגשי הלב דורך דעם מח! אז זייערע הויכע השגות זאלן האלטן אין איין אויפפלאמען מער און מער די ברען און גערויש אינעם הארץ, אזש דאס הארץ זאל אויסגיין פאר התפעלות טאקע צוליב די הויכע השגות וואס זייער מח איז משיג!

מיר קענען דאס אפשר נאכזאגן אבער נישט פארשטיין... ווייל מיר זענען נישט דארט, און מיר הייבן נישט אן צו וויסן וואס דאס באדייט. דאס איז אבער די הגדרה וואס די צדיקי הדורות "וואס זענען יא מבינים" באצייכענען דעם אור החיים הק'; אז זיין עבודה מיט'ן **מח** און מיט'ן **האַרץ** איז געווען עפעס אויסטערליש!

אזוי האט הרה"ק ר' **מרדכי חיים סלאנימער** זי"ע נאכגעזאגט בשם פריערדיגע צדיקים: "**דער סאווריינער** [הרה"ק ר' משה צבי מסאווראן זי"ע] **איז געקומען פונעם מח צום הארץ, און דער 'באר מים חיים' איז געקומען פונעם הארץ צום מח. דער 'אור החיים הקדוש' איז געוועןביידע גלייך - געקוואָלן איינער פונעם אנדערן!**" און ווי מיר האבן געזאגט, די באדייט פון דעם איז בכלל נישט פאר אונזערע קליינע השגות. אבער אזויפיל קענען מיר זען, אז אפילו צווישן די צדיקי עליון איז זיין הייליגע עבודה געווען אויף א זעלטענע פארנעם!

דארף מען אויב אזוי זיין "ליימענע גולמים" זיך צו טרויען נאכצוקוקן און פארצושטעלן לויט אונזערע מגושמ'דיגע השגות וואס דער הימל ריז האט ענטהאלטן אין זיך און ווי הויך זיין הייליגע עבודה האט דערגרייכט. ווייל ווער עס האט נאר א טראפ שכל כאפט באלד א ציטער אנצורירן אזא הייליגע עבודת הקודש וואס יעדעס ריר און ריר איז פול מיט קדושה שלא מעלמא הדין וואס אונזער מח האט ניטאמאל קיין פלאץ דאס צו באגרייפן!

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוויוי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com



מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

**פרשת בחקותי**

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### עטליכע פון די 42 פשטים אויף "אם בחקותי תלכו"
### פארוואס עוסק זיין בתורה ווערט אנגערופן בלשון "הליכה"

רש"י הקדוש זאגט אויף די ערשטע פסוק **"אם בחקותי תלכו"**, אז וואלט איך געקענט מיינען אז דאס מיינט קיום המצוות, קען נישט זיין, ווייל גלייך נאכדעם שטייט שוין אין פסוק **"ואת מצותי תשמרו"** אז מ'זאל היטן די מצות. איז וואס דען מיינט **"אם בחקותי תלכו"**? **שתהיו עמלים בתורה**, אז מ'זאל זיך פלאגן אין תורה.

דארף מען לכאורה פארשטיין פארוואס די תורה רופט אן דעם "עמל התורה" דוקא מיט א לשון פון **"הליכה"** - גיין?!

ווי באוואוסט איז דער אור החיים מסביר אויף דעם פסוק צוויי און פערציג פשטים, מיר וועלן דא ברענגען עטליכע פון זיי וואו ער איז מסביר דעם ווארט **"תלכו"**:

א. אז א איד דארף עוסק זיין אין תורה נישט נאר זיצנדיג אין בית המדרש, נאר אפילו **גייענדיג אויפן וועג**, אזויווי די תורה זאגט "ובלכתך בדרך".

ב. אז א איד זאל אזוי ליב האבן תורה ביז זיינע פיס וועלן **פון זיך אליינס גיין** אין בית המדרש. אזויווי חז"ל זאגן אויף דוד המלך, אז אפילו ער האט געוואלט גיין טון אנדערע ענינים האבן זיינע פיס אים אליינס געטראגן אין בית המדרש.

ג. אז א איד זאל **גיין אין אלע וועגן** וואס זענען פארהאן אין תורה. די תורה האט 4 דרכים: פשט, רמז, דרוש, סוד. און יעדער פון די פיר האט אויך אסאך וועגן צו גיין, אזויווי דער זוהר הק' רופט דאס אן **"אורחין ושבילין"**.

ד. אז א איד זאל **גיין אין אלע זיינע גשמיות'דיגע זאכן** לויט'ן דרך התורה, אזויווי דער פסוק זאגט: "בכל דרכיך דעהו", אז אויך ביים עסן אד"ג זאל ער גערענקען דעם רבש"ע, און דאס טון נאר צו קענען עוסק זיין אין תורה און אין מצוות.

ה. אז א איד דארף **גיין פון איין פלאץ צו א צווייטע** אנצוקומען צו א פלאץ וואו מ'לערנט תורה. אזויווי דער משנה אין אבות זאגט: "הוי גולה למקום תורה". ווייל אינדערהיים ווערט מען געשטערט מיט אנדערע זאכן און ס'איז שווערער צו לערנען.

ו. אז דורכ'ן עוסק זיין בתורה וועט די זכות **גיין מיט אים** לעולם הבא. אזויווי די גמרא זאגט, אז אן עבירה קען נישט אויסמעקן די תורה וואס א איד האט געלערנט, און זיין תורה גייט אים פאראויס אנקומענדיג אין עולם העליון.

ז. אז די כוונה מיט'ן עוסק זיין אין תורה דארף זיין נאר צו **גיין מיט דעם לעולם הבא** - דאס הייסט צו באקומען די שכר אויף יענער וועלט, נישט צו באקומען שכר בעולם הזה.

ח. אז דורכ'ן עוסק זיין בתורה וועט מען זוכה זיין צו **גיין שפאצירן כביכול מיט'ן אויבערשטן** אין גן עדן. אזויווי די גמרא זאגט, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר ירבעם בן נבט: "טו תשובה, וועל איך מיט דיר מיט דוד המלך גיין צוזאמען שפאצירן אין גן עדן". זענען די מקובלים מסביר אז דאס מיינט א מורא'דיגע תענוג וואס ס'איז נישט דא העכער ווי דעם.

ט. אז א איד וואס הארעוועט אין תורה קען זוכה זיין צו א מדריגה אז ער זאל נישט פילן קיין צער בשעת זיין פטירה, נאר ווי א מענטש **וואס גייט אריבער** פון איין פלאץ צו א צווייטע.

י. אז דורכ'ן עוסק זיין בתורה קען מען אנקומען אליינס צו באשליסן ווען מ'וויל **גיין פון דער וועלט**, און מ'איז נישט געוואנדן אין די געצווינגענע צייט וואס יעדער מענטש האט. אזויווי די גמרא דערציילט אויף אמוראים וואס האבן אליינס מחליט געווען ווען זיי ווילן גיין פון די וועלט.

יא. אז א איד וואס לערנט תורה קען אלס **גיין העכער און העכער**, אנדערש ווי א בהמה וואס בלייבט אייביג אין די זעלבע מצב און קען קיינמאל נישט אנדערש ווערן.

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל
לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַאֲכַלְתֶּם לַחְמְכֶם לָשֹׂבַע.** (כו, ה)

די תורה קומט דא זאגן, אז די ברויט וועט זיין אזוי בא'טעמ'ט, אז אפילו **מ'וועט שוין זיין זאַט** - וואס נארמאל קען מען שוין דעמאלטס מער נישט עסן - וועלן ענק נאכאלץ קענען עסן.

דאס איז פשט; **"וַאֲכַלְתֶּם לַחְמְכֶם"** עטס וועטס קענען עסן ענקער ברויט **"לָשֹׂבַע"** אפילו נאכ'ן שוין זיין זאַט פון עסן. אזויווי די גמרא זאגט (מגילה ז:) **"רְוָוחָא לִבְסִימֵי שְׁכִיחָא"** פאר זיסע מאכלים טרעפט זיך אייביג פלאץ אין מאגן, אפילו מ'איז שוין זאט פון עסן.

**וַאֲכַלְתֶּם בְּשַׂר בְּנֵיכֶם וּבְשַׂר בְּנוֹתֵיכֶם תֹּאכֵלוּ.** (כו, כט)

פארוואס שטייט א דאפלטער לשון; **"וַאֲכַלְתֶּם... תֹּאכֵלוּ"**? נאר די תורה וויל זאגן, אז די קללה וועט ר"ל זיין אזוי גרויס, אז הגם נארמאל דערבארימט זיך א טאטע אויף זיינע קינדער, און נאך אזא געפערליכע זאך וואלט בדרך הטבע דאס פאטערליך הארץ זיך געדארפט ערוועקן אין אים צו באדויערן דעם פאקט און וויינען "ווײ ווײ וואס איך האב דא געטון מיט מיין קינד"... און מיט דעם אלעם וועט ער בלייבן קאלטבלוטיג און זיך נאך פילן באקוועם דאס צו טון נאכאמאל; **"וַאֲכַלְתֶּם"** אפילו שוין נאכ'ן איינמאל עסן, **"תֹּאכֵלוּ"** וועט ער נאך פילן רואיג נאכאמאל צו עסן.

**וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבֹתָם... וְהֵבֵאתִי אֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם.** (כו, מ-מא)

דאס איז א חלק פון די וידוי וואס מ'וועט זיך דארפן מתוודה זיין אין גלות; **"וְהֵבֵאתִי אֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם"** אז דער אויבערשטער איז גערעכט מיט דעם אז ער האט זיי פארווארפן צווישן די גוים אין גלות.

פון דעם קען מען פארשטיין אז דאס אליינס איז געווען א חלק פון זייער עבירה; אז זיי האבן געהאלטן אז דער אויבערשטער איז ח"ו נישט גערעכט מיט'ן שיקן זיי אין גלות, ווייל זיי טענה'ן אז אויב דער אויבערשטער וויל זיי שטראפן אויף זייערע עבירות וואלט ער זיי געדארפט שטראפן אין זייער לאנד, נישט זיי ווארפן צווישן די גוים וואס דאס קען גאר גורם זיין פונקט פארקערט אז זיי זאלן זיך אפלערנען פון די שלעכטע וועגן פון די גוים.

וועגן דעם זאגט דער אויבערשטער, אז זיי דארפן זיך מתודה זיין אויף זייערע עבירות, און מיט דעם צוזאמען אויך **"וְהֵבֵאתִי אֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם"** אויף דעם וואס זיי האבן נישט אנערקענט אין צדקת ה' - אז ער האט זיי געשיקט אין גלות כדי זיי זאלן תשובה טון אויף די עבירות.

## הלכה ודרוש

### אותיות שנדבקו בתפילין זה לזה האם מועיל תיקון

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.** עוֹד יִתְבָּאֵר עַל דֶּרֶךְ מַה שֶּׁפָּסַק מָרָן בְּהִלְכוֹת תְּפִלִּין סִימָן ל"ב סְעִיף י"ח וְזֶה לְשׁוֹנוֹ, אִם נִדְבְּקָה אוֹת לְאוֹת וְכוּ' פָּסוּל. וּבְהִלְכוֹת סֵפֶר תּוֹרָה כָּתַב הָרֹא"שׁ, דְּבֵקוּת פּוֹסֵל בְּסֵפֶר תּוֹרָה וְאִם גָּרַר הַדְּבֵקוּת וְכוּ' כָּשֵׁר. נִמְצֵינוּ אוֹמְרִים שֶׁיֵּשׁ הֶתֵּר לַחֲקֹק דֶּבֶק שֶׁבֵּין אוֹת לְאוֹת בְּסֵפֶר תּוֹרָה וְלֹא בִתְפִלִּין, וְהוּא מַה שֶּׁרָמַז הַכָּתוּב כָּאן "אִם בְּחֻקֹּתַי", פֵּרוּשׁ, חֲקִיקוֹת הָאוֹתִיּוֹת תֵּלֵכוּ כְּמִשְׁפְּטֵיהֶן לָחוּק אוֹתָם, לֹא לַכֹּל תְּמַחֲקוּ אֶלָּא וְאֶת מִצְוֹתַי שֶׁהֵם תְּפִלִּין תִּשְׁמְרוּ לְבַל תָּחֹקוּ אֲפִלּוּ דֶּבֶק שֶׁבֵּין אוֹת לְאוֹת (פירוש ל"ד).

רבינו מביא מה שדרשו חכמים 'וכתבתם' שיהא כתב תם ושלם, שלא תדבק אות אחת בחברתה אלא כל אות תהא מוקפת גויל מכל רוחותיה. והביא, שבהלכות ספר תורה נתבאר שאם גרר הדבקות כשר, אבל בהלכות תפילין לא נתבאר כן, **משום שבתפילין אין לחקוק** אפילו דבק שבין אות לאות.

וכבר תמהו על דברי רבינו ב**כסא אליהו** (סי' ל"ב סק"ז), וב**יפה ללב** (ח"א או"ח סי' ל"ב אות י'), שהרי בשלחן ערוך הלכות תפילין שם נפסק להדיא: ואם נדבק האות לאות בין קודם שתגמר ובין אחר שנגמרה פסול, ואם **גרר הדיבוק והפרידה כשר**, ולא מקרי חק תוכות מאחר שהאות עצמה היתה כתובה כתקנה. ע"כ. וכן פסק השו"ע להלן (שם סעיף כ"ה): אבל להפריד האותיות הדבוקות אחר שכתב לפניהם שפיר דמי, דכיון שהאות צורתה עליה כשמפרידה מחבירתה לא הוי ככותב, ע"כ. הרי מפורש דאף **בתפילין כשר ע"י חקיקה** ולא חשיב שלא כסדרן.

ובשו"ת **יביע אומר** (ח"ז או"ח סי' ד') הביא תמיהתם, והוסיף ש**בפקודת אלעזר** (סי' ל"ב סי"ח) הביא קושית הכסא אליהו הנ"ל, וכתב שהוא טעות סופר בדברי רבינו, ובמקום מה שכתוב 'מה שפסק **מרן** בהלכות תפילין סי' ל"ב סי"ח', צ"ל 'מה שפסק **הב"ח** בהלכות תפילין סי' ל"ב ס"ד'. ואכן כן כתב הב"ח (שם) וז"ל: ולענין הלכה נראה **דבתפילין פסול בנגיעת אות לאות** אפילו בשאר תיבות וכו', **ואין לו תיקון**, אבל בס"ת יש לו תיקון לגררו אפילו נדבקו אותיות השם, ע"כ.

אך ביביע אומר (שם) השיב ע"ז, שעדיין הדבר תמוה, שהרי גם דברי הב"ח תמוהים מאד, וכמבואר ב**ט"ז** (שם סק"ג) שהביא דברי הב"ח, וכתב ע"ז שפשוט שאיזה תלמיד טועה כתבו, וא"כ איך יעלה על הדעת ליישב דברי האור החיים בדבר תמוה כזה.

### הדבק הנמצא בספר תורה שאפשר לגודדה אינו פוסל

עוֹד יִרְמֹז עַל פִּי מַה שֶּׁהֶעֱלוּ הָאַחֲרוֹנִים (מגן אברהם סימן קמג ס"ק ז) כִּי סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁנִּמְצָא בּוֹ דֶּבֶק מֻתָּר לִקְרוֹת בּוֹ וְאֵין צָרִיךְ לְהוֹצִיא אַחֵר מִטַּעַם שֶׁיָּכוֹל לְגָרְרָהּ, וְכָל שֶׁרָאוּי לְבִילָה וְכוּ' (מנחות קג:). וְחִדְּשׁוּ עוֹד הָאַחֲרוֹנִים (ט"ז או"ח סימן לב ס"ק יח) שֶׁאֲפִלּוּ הוּא יוֹם שַׁבָּת שֶׁאֵין יָכוֹל לְגָרְרָהּ מִטַּעַם שֶׁהַמְּנִיעָה אֵינָהּ מִצַּד הַסֵּפֶר תּוֹרָה אֶלָּא לְצַד שְׁמִירַת שַׁבָּת. וְהוּא אוֹמְרוֹ "אִם בְּחֻקֹּתַי" דָּבָר שֶׁהוּא עוֹמֵד לָחֹק שֶׁהוּא דֶּבֶק הָאוֹת, "תֵּלֵכוּ", פֵּרוּשׁ, יֵשׁ לָכֶם רְשׁוּת לְהוֹרוֹת כִּי הוּא דֶּרֶךְ שֶׁיֵּלְכוּ בּוֹ וְלֹא יִצְטָרְכוּ לְהוֹצִיא אַחֵר, וַאֲפִלּוּ יִהְיֶה בִּזְמַן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִין לְתַקֵּן שֶׁהוּא יוֹם שַׁבָּת קֹדֶשׁ שֶׁמִּצְוֹתַי עֲלֵיכֶם לֶאֱסֹר (פירוש ל"ה).

כ"ק האדמו"ר **בעל פני מנחם** מגור זצ"ל (בה"ב תשנ"ד ס"ג ד"ה באור החיים, וכן בהגהות פני מנחם כת"י) כתב על דברי רבינו: ולכאורה נראה פשט רחוק. ואולי רמז לנפשות בני ישראל הדבקים בהשי"ת, דבקים ממש, שבעצם נפשם טובה, ומה שיש לעתים פגם אפשר וצריך להסירו, ובשבת שהוא יומא דנשמתא איתא ב'אמרי אמת' שאז אין צריך כל כך לאזיל סומקא ואתי חוורא, להתבייש בעוונותיו, "לא עתה יבוש יעקב ולא עתה פניו יחורו" (ישעיהו כט, כב), "יחורו" לשון כביסה, להסיר הדבק.

והיינו, דבני ישראל בעצמותם דבקים בהשי"ת, כמו שנאמר "ואתם הדבקים בה' אלוקיכם" (דברים ד, ד) דבקים ממש, ואפילו אם ע"י העונות נדבק בהם דבר המפסיק, כדכתיב (ישעיהו נט, ב) "עוונותיכם היו מבדילים ביניכם לבין אלוקיכם", אעפ"כ אינו מעכב, לפי שיכולים להתגבר על זה בכח השבת, יומא דנשמתא, שע"י השבת מתברר שבעצם נפשם טובה, ומה שיש לעתים פגם, זה מסיבות חיצוניות ולא מצד עצמותם.

## אגדה וחסידות

### להיכנס למקום עבירה לכוף יצרו ולקבל שכר

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.** שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי סְבָרוֹת (ע"ז יז.) אַחַת שֶׁל רַבִּי חֲנִינָא וְאַחַת שֶׁל רַבִּי יוֹנָתָן, אֶחָד אָמַר נֶחְלַף אֲפִתְחָא דַעֲבוֹדָה זָרָה דְּנָכִיס יִצְרֵיהּ, וְאֶחָד אָמַר נֶחְלַף אֲפִתְחָא דְזוֹנוֹת כִּי הֵיכִי דְּנִכְפֵּיהּ לְיִצְרָן וּנְקַבֵּל אַגְרָא, וּבָא הַכָּתוּב כָּאן וְהִכְרִיעַ עִם הָאוֹמֵר נֶחְלַף אֲפִתְחָא דְזוֹנוֹת. וְהוּא אוֹמְרוֹ "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ", פֵּרוּשׁ, יְכוֹלִין אַתֶּם לֵילֵךְ וַאֲנִי מַבְטִיחֲכֶם שֶׁ"אֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ" שֶׁיִּהְיוּ כּוֹפִין יִצְרָם. וְאִם תֹּאמַר, וְלָמָּה יַכְנִיס עַצְמוֹ בְּסָפֵק זֶה, לָזֶה אָמַר "וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם" כְּדֵי שֶׁתִּטְּלוּ שָׂכָר כְּעוֹשֶׂה מִצְוָה כֵּיוָן שֶׁבָּא לְיֶדְכֶם הֶעָוֹן, וְהוּא מַאֲמָרָם שָׁם וְנִכְפֵּיהּ לְיִצְרִין כִּי הֵיכִי דְּנְקַבֵּל אַגְרָא (פירוש ח').

בענין זה כתב לדון רבינו בספרו **ראשון לציון** (על ספר יהושע, פרק ב) האיך נכנסו יהושע וכלב לבית הזונה כדי לרגל, וזל"ק: הטעם שהלכו לשם הוא, דהנה הגם דבמס' עבודה זרה (יז, א) נחלקו אמוראים, חד אמר נחלף אפיתחא דעבודה זרה וחד אמר דזנות כי היכי דנכפייה ליצרן, **דוקא למיחלף אפיתחא**, אבל למיבת עם הזונה בבית הזנות פשוט הוא דשפיר קרינן ביה (ויקרא יט, ד) "אל תפנו אל האלילים". וזאת יותר גדולה ממה שאמר שלמה המלך ע"ה (משלי יא, כא) "יד ליד" וגו' ח"ו. [שדרשו חז"ל (ברכות סא, ב) המרצה מעות לאשה מידו לידה כדי להסתכל בה, אפילו יש בידו תורה ומעשים טובים כמשה רבינו לא ינקה מדינה של גיהנם, שנאמר "יד ליד לא ינקה רע".

[וכן מובא **בזוה"ק** (ח"ג פד, א): אסור ליה לבר נש לאסתכלא בשפירו דאנתתא בגין דלא ייתי בהרהורא בישא ויתעקר למלא אחרא, וכך הוה ר"ש עביד, כד הוה אזיל במתא והוו חברייא אזלין אבתריה, וחמא לאינתו שפירתא, מאיך עיניה, והוה אמר לחבריא אל תפנו.

**ורבינו בפרשת קדושים** (יט, ב) כתב: שלא יאמר אדם שלא אסר הכתוב אלא מעשה העריות אבל לא בחינת החושב וההסתכלות ושאר בחינות התיעוב אשר רבו, וכבר רמזו מהם רז"ל כמו המרצה מעות מידו ליד אשה וכו' כמו שדרשו בפסוק "יד ליד", וכאן צוה ה' על הדברים ההמה וכיוצא בהם שצריך להרחיק עצמו מהכיעור ומהדומה לדומה לו, כדי שלא יבא להכשל אפילו בדקדוקים ההם, וכמאמר הזוהר בפסוק "אל תפנו אל האלילים". וראה עוד **ברבינו בחיי** ריש פר' קדושים].

ממשיך וכותב בראשון לציון: אכן מצד הכרח, שליחותם להעלים עצמם ביותר דשום אדם לא יחשוד בהם, כי ידועים הם בני ישראל פרושים מן העריות, ובראותם כי נכנסו לבית זונה אין לחשוב עוד בהם מי הם האנשים.

וחששו עוד הם שמא יעשו להם חקירה ודרישה באכילת דבר איסור, לזה כיון שיראו אותם נכנסים לבית הזונה, ובפרט למקום הידוע לכל, אין לבדוק להם, וכמעשה דרבי מאיר דאיתא בש"ס (שם יח, ב) שרדפו אחריו הרומאים, וברח מהם ונכנס לבית הזונות, אמרו חס ושלום אי רבי מאיר הוה לא הוה עביד הכי.

עוד טעם שבחרו להיכנס לשם, כי משם ידעו מבוקשם אשר באו לרגל, כי כל מקום שילכו לרגל לא יספיק להם לדעת כמצטרך כמו בית האשה הנזכרת, כי שם יתקבצו כל הגדולים ושם ידובר עניינם יותר מכל המקומות, כאשר כן היה שידעו כי נמוגו וגו'. עכל"ק.

ומבואר שאף לסברת האומר שיותר נכון לעבור בפתחא דזונות כדי להתגבר על היצה"ר ולקבל שכר, זה רק לגבי למיחלף אפתחא דזונות, אבל בודאי **אין היתר להיכנס** לבית הזונות כדי לקבל שכר.

אמנם ב**ערבי נחל** (פר' שלח, בדרוש הראשון קרוב לסופו) כתב: והנה עובדא דרבי יאשיה ורבי יונתן ידוע דאמרו ניזול אפתחא דבי זונות וניכוף יצרא ונקבל אגרא, **הכי נמי עשו יהושע וכלב שנכנסו** לבית אשה זונה למיכף יצרא.


מתיקות ועריבות טוב התורה



מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# תקופת הגלות שערך רבינו האור החיים הקדוש – והתגלות מ"ב הפירושים על הפסוק "אם בחוקותי תלכו"

ס'איז ידוע ומפורסם די מעשה מיט די 42 פשטים וואס דער אור החיים הק' האט געטייטשט אויפן פסוק "**אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם**", וואס פון דארט זעט מען אויך אז זיינע חידושים זענען נתקבל געווארן אין "מתיבתא דרקיע". ס'איז דא עטליכע גירסאות אין די מעשה, און מיר וועלן ברענגען די גירסא וואס איז די מערסטע אנגענומען [שהגה"צ המקובל ר' משה יאיר וויינשטאק זצ"ל מביא בספרו "שנים עשר שבטי ישראל", כפי שקיבל מהגה"צ ר' יצחק ישראל רייזמאן זצ"ל - חבר בד"צ עדה החרדית, ששמע מפי ראש המקובלים הגאון ר' חיים שאול הכהן דוויק זצ"ל אשר קיבל מפי רבו המובהק הגאון המקובל ר' מרדכי עבאדי זצ"ל מחכמי ארם צובא].

ווי באוואוסט איז נגזר געווארן אויפן אור החיים הק' צו גיין גלות ליידן פאר א יאר צייט, פארן נישט מוחה זיין אויף א זלזול בתלמיד חכם. אין יענע תקופה האט פאסירט די פאלגענדע מעשה:

ערב שבת קודש פרשת בחקותי איז דער אור החיים הק' אנגעקומען נאנט צו א שטאט, און ער האט זיך געזעצט אפרוען אינדרויסן פון שטאט. דארט אויפן פרייען פעלד איז ער פארזינקען געווארן אין זיינע הייליגע מחשבות כדרכו בקודש יעדן ערב שבת קודש - די קביעות'דיגע צייט אין וועלכע ער פלעגט זיך מתעמק זיין אין די תורה הקדושה ברוב קדושה וטהרה.

זייענדיג פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות האט אים דער רבש"ע אריינגעשיינט אין געדאנק 42 פשטים אויף די ערשטע פסוק פון די פרשה: "**אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם**". ער איז זייער באגייסטערט געווארן פון די זעלטענע אור וואס האט אים אויפגעלויכטן, און ער האט פארשטאנען אז דאס איז "תורה מן השמים" וואס מ'האט אים מגלה געווען פון הימל.

ווען דער זון האט זיך געגרייט אונטערצוגיין, איז דער אור החיים הק' אריין אין שטאט, ער איז אריין אין בית המדרש און זיך געזעצט צווישן די געסט. נאך קבלת שבת און מעריב האט אים איינער פון די נכבדי הקהילה געלאדענט אויף סעודות שבת, און דער החיים הק' איז געגאנגען עסן צו אים, ווען דער בעל הבית ווייסט ניטאמאל ווער זיין געהויבענער גאסט איז.

פאר'ן בענטשן האט דער גאסט געבער געזאגט פאר'ן אור החיים הק' אז דא איז איינגעפירט אז אלע איינוואוינער נעמען זיך צוזאם ביים רב אין שטוב, און דער רב - וועלכער איז אן איש קדוש - זאגט זיי דברי תורה וואס ער הערט אין מתיבתא דרקיע און נאכדעם בענטשן דארט אלע אינאיינעם ברכת המזון.

איז דער אור החיים הק' מיטגעגאנגען מיט זיין גאסט געבער צום רב אהיים, ווען דער בעה"ב - מנכבדי הקהילה - זעצט זיך אויבנאן נעבן דעם רב, און דער אור החיים הק' האט באקומען א פלאץ אין א זייט צווישן די געסט.

ווען דער רב האט זיך געגרייט אנצוהייבן זאגן די דברי תורה איז זיין פנים געווארן פארפלאמט, און מ'האט געזען ווי ער שוועבט אין א העכערע וועלט. נאך א ווייל איז זיין געזיכט צוריק געקומען צום נארמאלן אויסזען, דאן האט ער אנגעפאנגען: "הערטס טייערע אידן די הייליגע חידושים וואס איך האב אט יעצט געהערט אין ישיבה של מעלה!" - - -

און ער האט אנגעפאנגען צו זאגן 14 פשטים אויפן פסוק "**אם בחקותי תלכו**", פארענדיגנדיג: "**די הייליגע חידושי תורה זענען געזאגט געווארן דורך הצדיק רבי חיים בן עטר!**"

מיטאמאל הערט זיך א שטימע פון צווישן די געסט אין ווינקל אויסרופן: "**דאס איז פון חיים בן עטר...**" - - - אלע אנוועזנדע זענען שאקירט געווארן. דער רב האט קוים געקענט צו זיך קומען פון די אומדערהערטע עזות פון אן אנגעבליכער "ארחי פרחי" וואס טרויעט זיך מזלזל צו זיין בכבודו של אותו צדיק וקדוש וואס זיינע חידושים ווערן געזאגט אין ישיבה של מעלה.

דער גאסט געבער האט זיך געפילט פאראנטווארטליך צו שיצן אויף זיין גאסט, האט ער - טראץ די אומגעהויערע בושה - פרובירט צו בארואיגן דעם רב אז געוויס איז דער איד נישט אינגאנצן ביים זינען, און דער רב זאל אים נישט מעניש זיין אויף די חוצפה.

שבת בייטאג איז מען סוף סעודה נאכאמאל אריבער צום רב אין שטוב. אויך דאן האט דער רב איבערגעזאגט מיט א פלאם פייער נייע 14 פירושים אויף "**אם בחקותי תלכו**" אויספירנדיג: "**דאס האב איך געהערט אין הימל נאכזאגן פון הצדיק רבי חיים בן עטר!**" און ווידער הערט זיך די שטימע פון ווינקל אויסרופן: "**דאס האט געזאגט חיים בן עטר...**"

דער רב האט געפילט אז מ'טאר דאס מער נישט פארשווייגן, חוצפה האט א גבול! און מיט גרויס שוועריקייט האט דער גאסט געבער זיך איינגעבעטן ביים רב אז ער זאל אים נישט שטראפן, ער גייט שוין רעדן מיט זיין גאסט אויף דעם אהיימגייענדיג.

אויף שלש סעודות האבן זיך די אידן ווידער פארזאמעלט ביים רב אין שטוב. צום דריטן מאל מאכט דער רב אן "עליית נשמה" און דערויף זאגט ער מיט א פלאמעדיגע צורה נייע 14 פשטים אויפן פסוק "**אם בחקותי תלכו**" וואס ער האט נאראוואס מקבל געווען אין מתיבתא דרקיע "**בשם הצדיק רבי חיים בן עטר!**" און אויך דאסמאל גיבט דער אומבאקאנטער גאסט א רוף אויס: "**חיים בן עטר...**"

דא האט דער רב געפילט אז איז ער שוין מחויב מוחה צו זיין אויף כבוד תלמידי חכמים וכבוד התורה אזוויי די הלכה פארלאנגט און די עוולה טאר נישט פארשוויגן ווערן. ס'האט נישט געהאלפן קיין פודנו ומצילנו פונעם בעל אכסניא, דער רב האט באפוילן דעם שמש צו נעמען דעם גאסט - וואס האט דריי מאל מזלזל געווען בקדושי עליון - און אים איינשפארן אין א באזונדערן צימער נעבן בית המדרש ביז נאך הבדלה, דאן וועט מען זיך זעצן דן זיין וואס ס'קומט אים פאר די אומדערהערטע חוצפה און עזות. דער אור החיים הק' איז אריינגעפירט געווארן אין א צייטווייליגע ארעסט-קאמער נעבן דעם שול.

דער זון איז אונטערגעגאנגען און ס'איז געווארן מוצאי שבת. מיטאמאל האט אנגעהויבן צו בוזשעווען א שרעקליכע שטורעם ווינט און אינמיטן סאמע זומער איז געווארן ווינטער, אבער נישט סתם ווינטער, ס'האט געפיפן און געוואויעט פון אלע זייטן, ביימער האבן זיך אויסגעריסן און דעכער זענען געפלויגן אין די לופטן.

אין גרויס בהלה זענען זיך אלע מענטשן פון שטאט צוזאמגעלאפן צום רב אין שטוב, שרייענדיג מיט יללות אז ער זאל זען אפצושרייען די ביטערע גזירה אויבן אין הימל, ווייל ווי ס'זעט אויס האלט דער וועלט ביים חרוב ווערן...

דער רב האט תיכף געמאכט אן "עליית נשמה" אנפרעגנדיג אין הימל וואס דער שרעקליכער שטורעם דארף באדייטן? האט מען אים געענטפערט, אז דער עונש איז געקומען אויף זיין שטאט וויבאלד ער האלט דארט פארשפארט דעם איש צדיק וקדוש דער הייליגער אור החיים! מ'האט אים געזאגט, אז מוצאי שבת מאכט מען נישט צוריק אויף דעם גיהנום - וועלכע רוט א גאנץ שבת און די רשעים האבן מנוחה - ביז דער אור החיים הקדוש מאכט הבדלה! אבער יעצט אז ער איז פארשפארט און ער קען נישט מאכן הבדלה, טוט זיך א טומל און אן איבערקערעניש אין אלע וועלטן.

יעצט האט דער רב געכאפט אז דער גאסט איז נישט קיין אנדערער ווי דער אור החיים הק' אליין! תיכף ומיד האט ער געהייסן אים גיין באפרייען פונעם קאמערל, און ער האט אים פארבעטן צו זיין טיש בכבוד גדול.

נאכן באגריסן דעם געהויבענעם גאסט האט דער מרא דאתרא געזאגט פארן אור החיים הק' אז מ'האט אים מגלה געווען פון הימל אז מיט די צער וואס ער האט געהאט זייענדיג איינגעשפארט איז ער אפגעקומען די פארבליבענע צייט וואס ער האט נאך געדארפט ליידן גלות, און יעצט קען ער שוין צוריק אהיימגיין בשלוה ומנוחה.



# איש אלוקים קדוש הוא

*אין פאריגן גליון האבן מיר געברענגט אז מיר האבן נישט קיין שמץ השגה אין די אומבאגרייפליכע גדלות פון רבינו ה"אור החיים הקדוש" וואס איז "למעלה מבינת אנוש", און וויפיל מ'וועט נאר פרובירן צו זאגן איז עס ניטאמאל קיין טיפה מן הים פון זיין אמת'דיגע שבח, אזוי ווייט אז ס'איז בעסער צו שווייגן; בבחינת "**לו דומיה תהילה**"...*

נאך בחייו פונעם אור החיים הק' האבן אסאך גדולי דורו באוואונדערט זיינע אויסטערלישע מדריגות, נישט קענענדיג גענוג ארויסברענגען ווי הויעך זיינע השגות דערגרייכן, ביז זיי האבן נישט געפונען קיין בעסערע לויב **ווי צו שווייגן**! ווייל וויפיל מ'וועט נאר זאגן איז דאס ווייט פון זיין אמת'ע גדלות.

די חכמי קהילת "מאדאנא" וואס האבן שוין געהאט אסאך געהערט איבער די גרויסקייט פונעם אור החיים הק', אבער ווען דער אור החיים הק' איז אנגעקומען צו זיי אין שטאט און זיי האבן אים געזען פון דער נאנט, זענען זיי הערשט דעמאלטס באוואוסט געווארן אז וואס זיי האבן אלס געהערט ביז יעצט איז גארנישט מיט נישט קעגן זיין אמת'ע גרויסקייט וואס זיי האבן זוכה געווען צו זען מיט די אויגן!

אזוי שרייבן זיי אין זייער הסכמה צום ספר אור החיים הק': "**לְשֵׁמַע אוֹזֶן שָׁמַעְנוּ שָׁמְעוֹ בְּקוֹל הָאָרֶ"שׂ וּמָלְאָה הָאָרֶץ תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל חֲסִידִים רַנֵּן יְרַנֵּנוּ**"... אז שוין פון לאנג האבן זיי געהערט אויף זיין לויב וואס איז ארויס אויף די גאנצע וועלט! "**עַד אֲשֶׁר בָּא וְנִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ אֶל תּוֹךְ מַחֲנֵנוּ קָדוֹשׁ, וַתִּרְאֶינָה עֵינֵינוּ הָאִישׁ אֱלֹקִים קָדוֹשׁ, הוּא קָדוֹשׁ וְהֵ"ן מְשָׁרְתֵי קָדוֹשׁ**"... אבער נאכ'ן אנקומען צו זיי אין שטאט האבן זיי איינגעזען אז זיין קדושה איז בכלל נישט צום באשרייבן.

ענדיגן זיי צו: "**וְנִקְדַּשׁ בִּשְׁתִיקָה יָפָה לַחֲכָמִים**"! זיינע הויכע מדריגות קען מען נאר אפצייכענען מיט "שתיקה יפה לחכמים", בלויז מיט'ן שווייגן - - -

[מיט דעם אלעם האבן זיך די חכמי מאדאנא יא ערלויבט מאריך צו זיין בשבחו דרבינו אויף א מורא'דיגע פארנעם אין זייער הסכמה צום ספר "**פרי תואר**" ווי זיי זענען מפליג בשבחו, וזה לשונם: "**בְּרִיךְ רַחֲמָנָא דִּי שָׁלַח מַלְאֲכֵהּ וְשַׁגֵּר פּוּם אַרְיָוָתָא מְמַלֵּל רַבְרְבָן, בַּר אוֹרְיָין וּבַר אֲבָהָן, גָּדוֹל מֵרַבָּן, רֵישָׁא דְּרֵישָׁא, בּוֹצִינָא דִּנְהוֹרָא קַדִּישָׁא בִּדְרִישָׁה וּפְרִישָׁה לְכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, קִידּוּשָׁא רַבָּא דְּעַמֵּיהּ רֵישׁ מָתָא וְרֵישׁ מְתִיבְתָּא, מַר חֲסִידָא, ה"ה כמוהר"ר חיים ן' עטר נר"ו**"...]

נאך מגדולי דורו טרעפן מיר וואס זענען יוצאים מגדרם ארויסברענגענדיג שבחו ותהילתו. אין די הסכמה צום ספר "**פרי תואר**" שרייבן חכמי ליווארנא: "**וְעָנְתָה בּוֹ צִדְקָתוֹ צַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ כִּי רוּחַ ה' נוֹצְצָה בוֹ, נִיצוֹצֵי קְדֻשָּׁה מַקְבִּילוֹת הַלֹּא לֵאוֹת, נִרְאֶה לְמִי דּוֹמֶה - לְמַלְאַךְ ה' צְבָאוֹת**"!

אזוי אויך חכמי מאדאנא ירושלים דרוקן זיך אויס אין די הסכמה צום ספר "**ראשון לציון**" אז זיין גדלות איז נישט ווייניגער ווי די מלאכי מעלה, שרייבנדיג: "**הֵן כָּל יָקָר רָאֲתָה עֵינֵינוּ גַּבְרָא רַבָּא דְּאָתָא מִמַּעֲרָבָא כְּרָכָא דְּכוּלָּא בֵּיהּ, הֵן חָכְמָה וְהֵן תְּבוּנָה וְהֵן יִרְאַת אֱלֹקִים, דָּמֵי לְבַר אֱלָהִ'ין, הָאָדָם יִרְאֶה לָעֵינַיִם אַךְ בְּצֶלֶם הַכָּרַת פָּנָיו עָנְתָה בּוֹ אֵינוֹ אֶלָּא שָׂרָף כְּאַחַד הַצְּבָאִים מִצְּבָא מָרוֹם לָבוּשׁ הַבַּדִּים... וְנִרְאֵהוּ וְלוֹ מַרְאֶה וְנֶחְמְדֵהוּ**"...

נאכ'ן זען די זעלטענע תוארים און שבחים וואס חכמי דורו האבן שוין געשריבן אויף אים, כאפט אן א ציטער זיך צו טרויען אנצוהייבן פארצושטעלן גודל מעלת קדושתו ופרישותו וואס מיר האבן נישט אין דעם קיין פינטל השגה!

ריכטיג געזאגט, די בעסטע שבח איז טאקע בלויז: "שתיקה". שווייגן און נישט אנהייבן בכלל צו רעדן. די בחינה וואס חז"ל זאגן (ברכות לג:) אויף דער אמורא וואס האט אנגעהויבן שמונה עשרה זאגנדיג דעם לויב פונעם אויבערשטן: "**הָאֵ-ל הַגָּדֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא וְהָאַדִּיר וְהָעִזּוּז וְהַיָּראוּי הֶחָזָק וְהָאַמִּיץ וְהַוַּדַּאי וְהַנִּכְבָּד**"... האט אים נאכן ענדיגן שמונה עשרה רבי חנינא געפרעגט: "האסט שוין געענדיגט די גאנצע לויב פונעם אויבערשטן"?!... און ער האט אים געזאגט: "דאס איז א משל צו א מלך בשר ודם וואס האט אוצרות פון מיליאנען גאלדענע דינרים, און איינער וועט זיך אויפשטעלן אויסרימען דעם מלך אז ער האט אפאר זילבערנע מטבעות... דאס הייסט דאך ממש חוזק געמאכט... און ווען נישט וואס משה רבינו האט אונז אויסגעלערנט צו זאגן "**הגדול הגבור והנורא**" וואלטן מיר אפילו דאס אויך נישט געמעגט זאגן.

די זעלבע זאך טרעפן מיר ביי די הייליגע תנאים, אז עס זענען געווען אזעלכע וואס אפילו דער טיטול "**רַבָּן**" איז געווען צו ווייניג פאר זיי - דאס האט פארמינערט פון זייער אמת'ע גדלות, דערפאר האט מען זיי גערופן בלויז מיט זייער נאמען אן קיין שום תוארים!

טאקע דערפאר האט הגה"ח ר' **משה בטלן [ווייס]** זצ"ל [חסיד מובהק פון הרה"ק מסקווירא זי"ע, און געווען דבוק בתורת אור החיים הק' אויף א באזונדערן פארנעם] מקפיד געווען נישט צו ליינען די הסכמות וואס זענען געשריבן געווארן אויף די ספרים פונעם אור החיים הק', זאגנדיג: "**דער בעש"ט הק' האט דאך גערעדט פונעם אור החיים הק' גבוה מעל גבוה! ממילא קען איך נישט גארנישט לערנען פון די הסכמות!**" - - -

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוויוי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com